אונזער ערשטער דאורייתא טאג טעגליך

# שמעו ישראל

גליון ג
ניסן תשפ"ה

פארווארט:

## הגיע זמן קריאת שמע של שחרית

טייערע בחורים!

מיר טרעטן אריין אינעם פרישן בין הזמנים פון פסח תשפ"ה, און בס"ד גרייטן מיר זיך פריש מיט דער פראגראם "קריאת שמע כדבעי", ארויסצוהעלפן די בחורים צו קענען מקיים זיין די הייליגע, ליכטיגע מצוה פון קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין.

מיר גייען זיך זעצן צום סדר און הערן די מעשה ווי די הייליגע תנאים זענען געזעסן מסובים בבני ברק און עוסק געווען אין סיפור יציאת מצרים א גאנצע נאכט, ביז זייערע תלמידים זענען געקומען און זיי געזאגט: "רבותינו, הגיע זמן קריאת שמע של שחרית."

חוץ פון די אלע פשטים און רמזים וואס ס'איז דא אויף דער מעשה, דינט עס אויך א פשוט'ע דערמאנונג פאר אונז: רבותי! מ'דארף ליינען קריאת שמע של שחרית בזמן! נישט קיין חילוק צי מ'איז א גרויסער צדיק און מ'האלט אינמיטן עוסק זיין אין גרויסע ענינים, אזוי ווי די הייליגע תנאים, אדער מ'איז א פשוט'ער בחור וואס ווארט אז דער בין הזמנים זאל שוין דורכגיין... מיר זענען אלע באפוילן געווארן מיט דער מצות עשה דאורייתא צו ליינען יעדן טאג קריאת שמע, צוויי מאל א טאג.

און די דערמאנונג קומט טאקע אריין אין דער ריכטיגער מינוט. פסח אינדערפרי איז

– המשך בעמוד 3 >

תוכן הגליון:

פארווארט
הגיע זמן קריאת שמע של שחרית!
זייט 1

הלכות קריאת שמע
שאלות ותשובות
זייט 2

המיחדים שמו
סיפורי צדיקים
זייט 4

שיחת חבירים
א שמועס צווישן צוויי חברים
זייט 8

מכתבים למערכת
בריוו
זייט 11

טייערער בחור!
די נומערן גייען ארויף!
כאפ דיר מיט!

5175

שפיר אויף דעם זיסן טעם און האלט מיט דעם
"קריאת שמע כדבעי פראגראם"!
דער פראגראם איז אין פילן שוואונג ביז סוף בין הזמנים!

טעגליכע דערמאנונג-קאל
פון סוף זמן קר"ש!

ציי
כענען-סיסטעם אז מ'האט געליינט כדבעי
ארייגצוגיין אינעם גורל!

יעדן טאג פרישע
ווערטפולע גורלות

הערליכע מתנות
פאר די דרגה א'
און דרגה ב' בחורים!

טעגליכע הערליכע
שיעורים!

אומגלויבליך: קרוב צו 5000 בחורים האבן זיך איינגעשריבן פארגאנגענעם בין הזמנים! די נומערן גייען נאר אויף ארויף! כאפ דיר מיט!

צו מיטהאלטן דעם פראגראם און פאר אלע פרטים רוף:
718.970.8885



# הלכות קריאת שמע

## שאלות ותשובות

**שאלה:**

### פסח ביינאכט נאכ'ן סדר ווען דער זייגער איז זייער שפעט, מעג מען גיין שלאפן מיט'ן חשבון אז מ'וועט אויפשטיין פאר סוף זמן קר"ש דורכ'ן וועק-זייגער, אדער איינער אינדערהיים וועט אויפוועקן?

**תשובה:**

די הלכה איז אז פון א האלבער שעה איידערן עלות השחר טאר מען נישט גיין שלאפן פאר מ'ליינט קר"ש[1]. דאס הייסט אז פון א האלבער שעה איידער'ן עלות דארף מען אויסווארטן ביז'ן זמן וואס מ'קען שוין ליינען, וואס דאס איז לכתחילה 22 מינוט נאכ'ן עלות השחר.

אין שלחן ערוך[2] ווערט אבער גע'פסק'נט אז בשעת הדחק איז מען יוצא אויב ליינט מען קר"ש פון נאכ'ן עלות. דעריבער פסח ביינאכט ווער עס שפירט אז ער דארף דעם שלאף כדי צו קענען האבן א קלארן קאפ אויף אינדערפרי, קען מיקל זיין און ליינען קר"ש גלייך נאכ'ן עלות[3].

די הלכה איז אויך אז אויב האט מען א "שומר" וואס גייט אים זיכער קענען אויפוועקן פאר'ן סוף זמן קר"ש, מעג מען זיך לייגן שלאפן[4]. אבער פסח ביינאכט ווען יעדער אינדערהיים גייט שלאפן, קען מען זיך נישט פארלאזן אז איינער וועט אויפוועקן, וויבאלד יענער שלאפט און ער קען נישט זיין קיין שומר. אזוי אויך איז שווער צו זאגן אז מ'קען זיך פארלאזן אויף א וועק-זייגער, ווייל אסאך פארשלאפן דאס. דעריבער זאל מען זיך נישט פארלאזן דערויף, נאר אויב מ'איז באמת זיכער ביי זיך אז מ'וועט אויפשטיין דורכ'ן וועק-זייגער.

וואס מ'קען יא טון איז אז אויב ס'איז דא נאך איינער אינדערהיים וואס בלייבט אויף ווארטן צו קענען ליינען קר"ש, דאן קען מען אים שטעלן אלס שומר און בעטן אז נאכ'ן עלות - איידער ער גייט שלאפן - זאל ער אויפוועקן צו ליינען קר"ש, און דערנאך וועט מען ווייטער צוריקגיין שלאפן.

**שאלה:**

### אויב מ'זעט א צווייטן שלאפן און עס קומט סוף זמן קר"ש, דארף מען יענעם אויפוועקן?

**תשובה:**

אין שלחן ערוך[5] ווערט גע'פסק'נט אז מ'איז מחויב יענעם אויפצואוועקן, אפילו מ'איז יענעם מצער.

און אזוי ווי אין אונזערע מקומות איז מען מקפיד צו ליינען ביים ערשטן סוף זמן קריאת שמע, דארף מען יענעם אויפוועקן איידער'ן ערשטן סוף זמן קר"ש[6].

**שאלה:**

### אויב מ'שטייט אויף ממש פאר סוף זמן קר"ש, און אויב מ'וועט ארויסקומען פון בעט און זיך אנטון געהעריג קען זיין אז מ'וועט פארפאסן דעם סוף זמן, וואס זאל מען טון?

**תשובה:**

אוודאי אויב זעט מען אז אויב וועט מען זיך געהעריג אנטון און מסדר זיין וועט מען פארפאסן דעם סוף זמן קר"ש, זאל מען זיך שנעל אפגיסן די הענט און ליינען קר"ש וויאזוי מ'איז, כדי נישט צו פארפאסן די מצוה דאורייתא.

איינמאל מ'הייבט אן ליינען קריאת שמע, זאל מען זיך נישט אנטון אינמיטן, ווייל מ'טאר גארנישט טון אינמיטן ליינען קר"ש[7], אפילו לצורך מצוה[8], און אפילו אויב מ'שטעלט זיך אפ און מ'זאגט נישט ווייטער[9].

ווען מ'ענדיגט די ערשטע פרשה, מעג מען יא טון קליינינגקייטן פאר א צורך מצוה[10], אויב פארנעמט דאס נישט די מחשבה פונעם מענטש[11]. דעריבער קען מען זיך דעמאלט אנטון א הוט און גארטל.

אין אזעלכע פעלער דארף מען ספעציעל זיין געווארנט צו אינזין האבן די טייטש כאטש פונעם ערשטן פסוק און פון "ברוך שם", ווייל בדיעבד אויב מ'האט נישט אינזין געהאט די טייטש פונעם ערשטן פסוק "שמע ישראל", דארף מען איבערליינען קריאת שמע[12]. אזוי

1 שו"ת בנין עולם (או"ח סי' א).

2 או"ח סי' נח (סעיף ג).

3 ע"פ הוראת הדיינים שליט"א.

4 כף החיים להגר"ח פלאג'י זצ"ל (סי' יד אות כב), מובא בכף החיים (סי' נח אות כד).

5 שלחן ערוך (או"ח סי' סג ס"ה). וכן עורר בעלים לתרופה (קונטרס מיוחד בענין סוף זמן קר"ש הנדפס בדורו של הרה"ק בעל דברי חיים זי"ע בהוראתו והסכמתו, וחתמו עליו עוד הרבה גדולי הדור) שיש חובה להעיר אדם משינתו אם עומד לעבור על זמן קר"ש, זולת במקום חולי שעקב היקיצה עלול להכביד עליו חוליו.

6 עי' ישראל והזמנים (ח"א סי' ז פ"ה), שו"ת תשובות והנהגות (ח"ב סי' נ).

7 שלחן ערוך (סי' סג ס"ו): "הקורא קריאת שמע לא ירמוז בעיניו ולא יקרוץ בשפתיו ולא יראה באצבעותיו בפרשה ראשונה שהוא עיקר קבלת עול מלכות שמים מפני שנראה כקורא עראי וכתיב 'ודברת בם' ודרשינן עשה אותם קבע".

8 מגן אברהם (סי' סג סק"ט).

9 כף החיים (סי' סג אות כו) בשם חסד לאלפים (אות ה), שלחן הטהור (סי' סג ס"א),

10 במשנה ברורה (סי' סג סקי"ח) כ' דיש מחמירים גם בפרשה שניה, אבל לצורך מצוה יש להקל. ובשלחן ערוך הרב (סי' סג ס"ז) כ' דאחר פרשה ראשונה מותר לצורך מצוה קצת.

11 קצות השלחן (סי' יט אות כא) ע"פ שלחן ערוך הרב (סי' קפג סי"ד).

12 שלחן ערוך (סי' ס ס"ה): "הקורא את שמע ולא כיון לבו

אויך אויב מ'האט נישט אינזינען געהאט "ברוך שם", דארף מען דאס איבערזאגן.[13]

דאס איז אלעס אויב האט מען זיך געטראפן אין אזא מצב. אבער עס איז אוודאי אז לכתחילה זאל מען זען אז מ'זאל נישט אנקומען צו דעם, נאר זיכער מאכן אז מ'שטייט אויף גענוג פרי פאר'ן סוף זמן צו קענען ליינען קר"ש ווי עס פאסט צו מקיים זיין אזא גרויסע מצוה פאר'ן מלך מלכי המלכים.[14]

אויב מ'כאפט אריין צו ליינען קר"ש די לעצטע מינוט, און קיין ישוב הדעת, איז כמעט אוממעגליך צו מקיים זיין די מצוה כתיקונה. ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך[15] אז מען דארף לכתחילה אינזין האבן די טייטש פון די ווערטער וואס מ'זאגט ארויס פון מויל פון אלע דריי פרשיות פון קריאת שמע.

אויך דארף מען געדענקען וואס ס'שטייט אין שלחן ערוך:[16] **בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, ולא כמי שכבר שמע אותו הרבה פעמים שאינו חביב אצלו** - "יעדן טאג זאלן די ווערטער פון קריאת שמע זיין אין דיינע אויגן ווי נייע, און נישט ווי עפעס וואס מ'האט שוין געהערט מערערע מאל, וואס איז נישט אזוי באליבט ביים מענטש."

דער טור ברענגט אז א מענטש דארף באטראכטן קריאת שמע ווי א בריוו וואס ער האט ערהאלטן פונעם גרעסטן קעניג, וואס א מענטש ליינט דאס דורך שטאטליך, מיט א שטארקער אינטערעס, מיט א חביבות, ער כאפט נישט צוזאם קיין ווערטער, און ער איז מדקדק אין אלעם וואס דארט שטייט, און ער טראכט אריין אין יעדן ווארט. אזוי דארף אויסזען דאס ליינען קריאת שמע.[17]

ווען מ'שטייט אויף די לעצטע מינוט און מ'כאפט אריין קריאת שמע האלב אנגעטון, איז עס פארשטייט זיך נישט אין דעם כלל. דעריבער דארף מען שטארק ארבעטן יא אויפצושטיין גענוג פרי און ליינען קריאת שמע מיט ישוב הדעת און אנגעטון ווי עס פאסט פאר'ן גרויסן באשעפער, ולפום צערא אגרא.

בפסוק ראשון שהוא שמע ישראל לא יצא ידי חובתו". ועי' לשון שו"ע הרב (סי' ס ס"ה): בקר"ש צריך כוונת הלב שיבין מה שהוא אומר בפיו". ועי' בליקוט תשובות וחידושים מהגאון רעק"א (סי' ב) מהו אם כיוון רק לקבל עול מלכות שמים ולא כיוון פירוש כל המילות.

**13** במ"א (סי' ס"א סקי"א) בשם כמה פוסקים שאין צריך לחזור אם לא כיון בברוך שם, אבל הלבוש פסק שצריך לחזור, וכדעת הלבוש כן פסקו בפמ"ג (א"א סקי"א) אליה רבה (סקי"ט) שו"ע הרב (סי"ג) ובכף החיים (סקמ"ה) בשם הפוסקים. אבל עי' בביאור הלכה, ערוך השלחן (ס"ו), שו"ת ויען יוסף (או"ח סי' לט). וע"ע בקצות השלחן (סי' יט הערה לח) בביאור דעת השו"ע הרב.

**14** בספר קריאת שמע כתיקונה (עלים לתרופה מאמר י') מביא מספר והיה ברכה להרה"ק בעל בני יששכר זי"ע, שבכלל מה שאמרו (יוצא יט:) עשה אותם קבע ולא בדרך ארעי, היינו שצריך להיות האדם מוכן בהכנה ותיקון הגוף ולבישת בגדיו כראוי.

**15** שלחן ערוך (סי' סא ס"א): "ויקרא קריאת שמע בכוונה", וכ' במשנ"ב (שם סק"א) בשם הגר"א דהיינו כל קר"ש, דפסוק ראשון שנזכר הוא רק לענין דיעבד, אבל לכתחילה צריך לכיוון כוונת הענין בכל קר"ש.

**16** שלחן ערוך או"ח (סי' סא סעיף ה).

**17** בטור: "כתב רב עמרם, לשוייה איניש לקריאת שמע בכל זמן דקרי לה כפרוטגמא חדשה, פירוש פרוטגמא כתב המלך על בני מדינתו, שקריאת שמע הוא פרוטגמא דהקב"ה. והכי איתא במדרש אמר רבי ברכיה מלך בשר ודם משגר פרוטגמא שלו למדינה מה הם עושין, כל בני המדינה עומדין על רגליהם ופורעים את ראשיהם וקוראין אותו באימה ביראה ברתת ובזיע, אבל הקב"ה יתברך שמו אומר לישראל קראו קריאת שמע פרוטגמא דידי, הרי לא הטרחתי עליכם לקרותה לא עומדים ולא פרועי ראש אלא בלכתך בדרך, אבל באימה וביראה וברתת ובזיע מיהא צריך". והבית יוסף מפרש: "פרוטגמא חדשה – כלומר, שלא תהיה בעיניו כדבר שכבר שמע אותו הרבה פעמים, שאינו חביב אצלו. וכך אמרו חז"ל (ספרי ואתחנן פיסקא לג) על 'אשר אנכי מצוך היום', בכל יום יהיו בעיניך כחדשים". והפרישה כתב: "עדיין לא נתיישב למה דימו אותו לפרוטגמא. ונראה לי דלהכי המשילו לפרוטגמא כתב וציווי המלך לומר לך שלא תקרא קריאת שמע בחטפה ובמרוצה ובערבוב הדברים, אלא במתון מלה במלה ובהפסק בין דבר לדבר, כאדם הקורא ציווי המלך שקורא במתון גדול כל ציווי וציווי בפני עצמו להבינו על תכונתו, כך יקרא קריאת שמע כל ציווי וציווי עונש ועונש הנזכר בו ישים לבו עליו להבינו מהציווי המלך הגדול ברוך הוא".


## חשובער בחור!

אויב האסטו סיי וועלכע פראגע בנוגע דער מצוה פון קריאת שמע, קענסטו אריינרופן דעם נומער פון "קריאת שמע כדבעי", און מיר וועלן דאס פרובירן צו אויסקלארן אין די שפעטערע גליונות בס"ד.

אזוי אויך אויב האסטו סיי וועלכע עצה אדער געדאנק וואס קען העלפן אנדערע בחורים מיט'ן זיך מחזק זיין אין דער מצוה פון קריאת שמע, רוף אריין און זיי מזכה אנדערע!

רוף אריין

718.970.8885

קנעפל נומער 9

הצלחה רבה!


– המשך מעמוד ו

שטארק עלול מ'זאל חלילה פארשלאפן דעם סוף זמן קריאת שמע, וויבאלד מ'לייגט זיך דאך שלאפן גאר שפעט, און דער זמן פון דאווענען איז דאך אויך שפעט. אבער דאס אלעס טאר חלילה נישט גיין אויפ'ן חשבון פון דער מצוה פון קריאת שמע.

פארגאנגענעם בין הזמנים האבן זיך בס"ד איינגעשריבן גאר א גרויסער נומער פון קרוב צו 5,000 בחורים! ס'איז געווען א געוואלדיגער קידוש השם צו זען וויפיל בחורים שפירן דאס אחריות פון מקיים זיין די מצוה פון קריאת שמע. לכבוד דעם בין הזמנים ווילן מיר ווידערמאל איינלאדענען די חשוב'ע בחורים - סיי די וואס זענען געווען איינגעשריבן פאריגן בין הזמנים און סיי די וואס ווילן זיך יעצט אנשליסן - מיטצוהאלטן די פראגראם, זיך צייכענען טעגליך וויאזוי מ'האט געליינט קריאת שמע, און געניסן פון די מתנות. און מער פון אלעם, צו קענען דורכגיין די געהויבענע טעג מיט א פארזיכערונג אז דו האסט מקיים געווען די גרויסע מצות עשה פון קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, און חלילה נישט פארפאסט קיין איין מאל!



# המיוחדים שמו

סיפורי צדיקים בעבודת קריאת שמע

**די עבודה וואס מ'האט געזען ביי צדיקים ביים ליינען קריאת שמע איז געווען אויסטערליש גרויס, ווען זיי זענען צוגעקומען צו א הויכער דרגא פון התפשטות הגשמיות, א טפח העכער דער גשמיות'דיגער ערד, זייענדיג גרייט אויף מסירות נפש פאר קדושת שמו יתברך. מיר האבן נישט קיין השגה אין דער גרויסער עבודה זייערע, אבער מיר קענען פרובירן נאכברענגען עטליכע מעשיות מפי ספרים וסופרים, צו באקומען א שטיקל באגריף וואספארא כוחות די צדיקים האבן אריינגעלייגט ביים מייחד זיין דעם אויבערשטנ'ס נאמען צוויי מאל א טאג.**

## "שמע ישראל" ביים סדר

אין איינס פון די יארן וואס הרה"ק ר' **דוד משה מטשארטקוב** זי"ע האט געפירט זיין עדה הקדושה, האבן א גרופע חסידים זיך צוזאמגענומען אז מ'גייט פארן צום רבי'ן פראווען דעם הייליגן יום טוב פסח בצל הקודש. זיי האבן געוואוינט ווייט פון טשארטקוב, אבער זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויף דער לאנגער רייזע להקביל פני רבם בחג.

דער וועג איז געווען א פארמאטערטע, און זיי האבן מיטגעמאכט פארשידענע שוועריגקייטן, סיי מיט'ן טלטול הדרך און סיי אריבערצוגיין דעם גרעניץ. ביז זיי זענען ענדליך אנגעקומען קיין טשארטקוב און זיך געטראפן ביים רבי'ן אין שטוב.

בדרך כלל האט דער הייליגער טשארטקובער נישט געלאזט קיינעם זיין ביי אים אויף פסח, און אויב איז איינער געקומען פלעגט ער צוריק אהיימשיקן. אבער דא הערנדיג ווי שווער ס'איז זיי אנגעקומען דעם גאנצן וועג, האט דער צדיק רחמנות געהאט אויף זיי און ער האט זיי געזאגט:

"איך קען אייך נישט אוועקשיקן אזא לאנגן וועג צוריק, דעריבער קענט איר זיין דא אויף יום טוב און עסן ביי מיר דעם סדר. אבער איין זאך בקשה האב איך צו אייך: איך בעט אז איר זאלט שטארק אפהיטן אייערע מחשבות ביים סדר, איר זאלט מיך נישט מבלבל זיין מיט אייערע מחשבות."

פארשטייט זיך אז די חסידים האבן מסכים געווען, און זיי האבן זיך פארגענומען צו שטארק אפהיטן זייערע מחשבות ביים סדר און טראכטן נאר פון הייליגע זאכן.

זיצנדיג אזוי ביים הייליגן סדר, האט איינער פון די חסידים, ר' ליפא ביק, געטראכט צו זיך: "דער רבי האט דאך געבעטן צו היטן די מחשבות ביים סדר. נו, וואס זאל איך טראכטן? אויב וועל איך טראכטן שיינע פשטים אויף דער הגדה, ווער ווייסט, אפשר וועל איך גאר מיט דעם מבלבל זיין דעם רבי'ן." איז אים איינגעפאלן אז דאס בעסטע וועט זיין אז ער וועט אינזינען האבן דעם פסוק "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד", און דאס וועט אוודאי נישט מבלבל זיין דעם צדיק.

אזוי איז טאקע געווען, און ר' ליפא האט דעם גאנצן סדר געטראכט פון דעם פסוק, אינזין האבנדיג אז ס'איז דא נאר איין באשעפער אויף דער וועלט.

צומארגנס האט ר' ליפא געטראפן איינעם פון זיינע חברים וואס זענען אויך געזעסן ביים סדר, און ער פרעגט אים וויאזוי ער האט זיך אן עצה געגעבן מיט'ן האלטן די מחשבות כדי נישט מבלבל צו זיין דעם רבי'ן. האט אים זיין חבר געענטפערט: "איך האב געטראכט צו מיר, וואס זאל איך טראכטן? אויב וועל איך טראכטן פון א גוטן פשט אין א תוספות, ווער ווייסט צי איך וועל נישט מיט דעם זעלבסט מבלבל זיין דעם רבי'ן. האב איך באשלאסן אז איך וועל טראכן נאר פונעם פסוק 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד', און דאס וועט זיכער זיין גוט..."

ר' ליפא איז געווארן שטארק איבערראשט הערנדיג אז זיין חבר האט ממש געמאכט דעם זעלבן חשבון ווי ער. אבער נאך מער פארוואונדערט איז ער געווארן ווען ער האט געפרעגט א דריטן חבר, און א פערטן, און יעדער האט געענטפערט די זעלבע זאך - כאילו מ'האט זיך דא אפגעשמועסט אז מ'גייט טראכטן פון "שמע ישראל" ביים סדר!

די חסידים האבן שנעל געכאפט אז דאס איז געווען דער כח פון זייער הייליגן רבי'ן וואס האט נישט געוואלט ווערן מבלבל פון סתם מחשבות ביים הייליגן סדר, האט ער משפיע געווען ברוח קדשו אז אלע חסידים זאלן טראכטן פון דעם פסוק "שמע ישראל", און ווען זיי וועלן טראכטן פון דעם הייליגן פסוק וועט ער קענען פירן זיין הייליגן סדר אומגעשטערט!

הגה"צ ר' **אליעזר דוד פרידמאן** זצ"ל, **מפי ספרים וסופרים**, מערכת מטשארטקוב אות יב

## נפשו יצאה בדברו

הרה"ק רבי **ישראל יעקב יוקל טייטלבוים** זצ"ל, אב"ד וואלאווע, דער אור-אייניקל פונעם הייליגן **ישמח משה** זי"ע, שרייבט אין זיין ספר תהלה למשה:

ווער קען דען דערציילן דאס גרויסע דביקות, און ווער קען דען אויס'משל'ען אויף פאפיר זיין מסירות נפש און התלהבות בשעת'ן דאווענען. נישט איין מאל און נישט צוויי מאל האט מען אריינגעקוקט צווישן די שפאלטנס, און מ'האט אים געזען בשעת קריאת שמע ווי ער ליגט אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים פאר עטליכע שעה. ער האט געברומט ווי

א לייב, און מ׳האט געזען ווי אלע זיינע אברים ציטערן און קלאפן זיך אײנס אינעם אנדערן פאר פחד פונעם גרויסן באשעפער, און זיין טלית איז אראפגעפאלן פון אים אבער ער האט גארנישט געשפירט.

כ״ק אדמו״ר **מפשעווארסק** שליט״א האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון הרה״ק **מסאטמאר** זי״ע, וועלכער האט דאס געהערט פונעם **קדושת יו״ט** זי״ע, וועלכער האט דאס געהערט פון זיין טאטן דער הייליגער ייטב לב:

דער הייליגער ייטב לב זי״ע האט אמאל דערציילט, אז זייענדיג א קינד האט ער געוויילט ביי זיין זיידן דער הייליגער ישמח משה זי״ע. דער צימער וואו דער ישמח משה פלעגט דאווענען איז געווען ארומגענומען מיט ווענטלעך וואס זענען נישט אנגעקומען ביז צום דאך, און ער פלעגט ארויפקריכן אויף דער ווענט צו באטראכטן דעם ישמח משה.

איין טאג זייענדיג דארט, האט ער געזען ווי דער ישמח משה זיצט מיט די תפילין דרבינו תם, זיין קאפ איז פארווארפן אויף הינטן אן קיין סימן חיות, און די תפילין האבן זיך געהאט אראפגעגליטשט זייענדיג א האר אוועק פון גרייכן די ערד. זייענדיג א קינד, האט דער ייטב לב נישט געוואוסט וואס צו טון, צי ער זאל רופן א דאקטער אדער דער ישמח משה איז פשוט שטארק פאר׳דביקות׳ט. אין דער ענדע האט ער באשלאסן אז ער איז נאר אין א טיפע דביקות, און ער האט אים געלאזט אזוי. נאך וואס ס׳איז אריבער צוויי שעה, האט זיך דער ישמח משה ענדליך אויפגעכאפט, און אויסגעשריגן מיט א הויך קול ״אחד!״

כ״ק אדמו״ר מפשעווארסק שליט״א, ששמע מהרה״ק מסאטמאר זי״ע, מפי אביו הקדושת יו״ט, מפי אביו הייטב לב

## פארוואס דארף מען א הארץ?

ס׳איז באקאנט די גרויסע עבודה וואס דער הייליגער **נועם אליעזר** פון **סקולען** זי״ע האט אריינגעלייגט אין קריאת שמע, זאגנדיג יעדעסווארט מיט מורא׳דיגע כוחות, במתינות מיט די טראפן, קרוב צו האלבער שעה.

ס׳האט דערציילט הרה״ח ר׳ אהרן ריינער, אז אויף די עלטערע יארן, ווען דער רבי איז נעבעך געלעגן על ערש דוי באהאפטן צו מאשינען ליידנדיג אויפ׳ן הארץ, האט מען אמאל בשעת דער רבי האט געליינט קריאת שמע געזען אויפ׳ן מאניטאר ווי דעם רבי׳נס הארץ-קלאפן גייט ארויף גאר שטארק. האבן די נאנטע געבעטן ביים רבי׳ן אז ער זאל זיך נישט אזוי אנשטרענגען, ווייל דאס שאדט פאר זיין הארץ.

האט זיך דער רבי אנגערופן מיט א קאך: ״צו וואס דארף איך בכלל א הארץ? נאר צו קענען מקיים זיין די מצוה פון קריאת שמע, אויף וואס דער פסוק זאגט בְּכָל לְבָבְךָ!״

**גשמי ברכה** עמ׳ תסב

מערכת ״קריאת שמע כדבעי״

הוקדש לטובת נשמת האי גאון מפורסם גדול בתורה ובמעשים, שפך לב כמים בתפלותיו הזכות ובקבלת עול מלכות שמים שלימה, כש״ת

רבי **פנחס חיים רובינפעלד** זלה״ה

בן הר״ר **נפתלי הלוי** ז״ל

בעמח״ס עטרת השלחן ועוד



פראקטישע עצות

צו מקיים זיין קריאת שמע כדבעי

## מֵאֵימָתַי

1

ווען מ׳לייגט זיך שלאפן, זאל מען וויסן ווען ס׳איז סוף זמן קר״ש און אויסרעכענען צי מ׳גייט אויפשטיין גענוג פרי צו קענען ליינען קריאת שמע געהעריג, און מ׳זאל אנשטעלן א וועק-זייגער אויף גענוג פרי אז מ׳זאל האבן צייט זיך צו מאכן גרייט און ליינען בהרחבה פאר סוף זמן קריאת שמע

2

א פראקטישע עצה איז צו אויפהענגען נעבן די בעט א צעטל מיט די סוף זמן קר״ש פונעם מארגענדיגן טאג (מ׳קען ניצן דעם ׳לוח הזמנים׳ פונעם גליון, זייט 12)

3

ווי געשריבן אינעם חלק ההלכה, דארף מען ליינען קריאת שמע ווי פריער מ׳קען. דאס איז אויך זייער א גוטע עצה נישט צו פארגעסן, ווייל אז מ׳לאזט איבער צו ליינען קריאת שמע אויף דער לעצטער מינוט קען מען חלילה פארגעסן

4

פאר א גאנץ יאר איז א גוטע עצה אז מ׳זאל וויסן אז במשך דעם גאנצן יאר, איז דער פריסטער סוף זמן קריאת שמע 8:16 (ניו יארק). עס איז גוט זיך איינצוגעוואוינען אז מ׳ליינט אייביג קריאת שמע פאר 8:00, אזוי וועט מען קיינמאל נישט בטעות פארפאסן דעם סוף זמן.

5

זיך קנס׳ען אויב מ׳האט חלילה פארשפעטיגט דעם סוף זמן קריאת שמע. און מ׳זאל זיך קנס׳ען מיט עפעס וואס באדערט באמת.

6

לערנען איבער דער גרויסקייט פון ליינען קריאת שמע בזמנו און איבער דער הארבקייט פון פארפאסן סוף זמן קריאת שמע.

7

א בחור אינדערהיים, איז כדאי ער זאל קלאר אויסשמועסן מיט זיינע עלטערן און געשוויסטער, אז אויב ער שלאפט נאנט צו סוף זמן קר״ש זאל מען אים אויפוועקן, און מ׳זאל אים אויפוועקן גענוג פרי פאר׳ן סוף זמן קר״ש.

האסט נאך אן עצה?

רוף אריין דעם ״קריאת שמע כדבעי ליין״ און לאז א מעסעדזש:

718.970.8885 #9

בס"ד




בין הזמנים ניסן תשפ"ה:

# "איך לאז נישט אויס קיין אין טאג פון ליינען קריאת שמע כדבעי!"

יעדער בחור מיט א פעסטע קבלה

## מתן שכרה בצדה

סוף בין הזמנים וועט מען טיילן א מתן שכרה מצדה פאר אלע וואס האבן מיטגעהאלטן דעם פראגראם.

די "דרגה א" בחורים וועלן באקומען $25, און די "דרגה ב" בחורים וועלן באקומען $36

צו ווערן פארעכנט אין דרגה א דארף מען האבן לכה"פ 20 טעג פון די 22, און צו ווערן פארעכנט אין דרגה ב דארף מען האבן לכה"פ 18 טעג פון די 22.

מאנטאג פרשת תזריע-מצורע וועט בעז"ה געעפענט ווערן קנעפל 6 פון די מעין מעניו, ווי מען וועט זיך קענען איינשרייבן אין וועלכע דרגה מ'גייט אריין כדי צו קענען באקומען די מתן שכרה בצידה

---

## גורלות

יעדן טאג פונעם פראגראם וועט פארקומען גורלות פאר אלע בחורים וואס צייכענען זיך דורכן טעלעפאן סיסטעם

כדי ארייננצוגיין אין די טעגליכע גורלות רופט אריין יעדן טאג דעם האטליין, און צייכן דיר אויף נומבער 2 אז דו האסט געליינט קריאת שמע כראוי.

עס וועט זיין יעדן טאג 4 גורלות אויף $50

מען קען זיך צייכענען אויפן טעלעפאן סיסטעם ביז 12 אזייגער אויף דער נאכט פאר יענעם טאג.

אין די יום טוב טעג וועט מען זיך קענען צייכענען ביז א טאג נאך יום טוב 12 אזייגער, אויף אלע פארגאנגענע יום טוב טעג.

פרטים און אנווייזונגען:

# וויאזוי ארבעט דער "קריאת שמע כדבעי" פראגראם?

## דער פראגראם

- **קריאת שמע כדבעי:** כדי צו זיין א חלק פונעם פונעם פראגראם, דארף מען ליינען קריאת שמע כראוי במשך די 22 בין הזמנים טעג - פון זונטאג צו ביז זונטאג תזריע-מצורע.
- **כדבעי כיצד:** ליינען קריאת שמע כראוי נעמט אריין דאס פאלגענדע:

  [1 מ'ליינט קר"ש איידערן סוף זמן קר"ש, כמובן מאליו.

  [2 מען האט אינזינען די פירוש המילות פון כאטש די ערשטע פסוק און ברוך שם, ווי די הלכה פארלאנגט.

  [3 זאגן די נוסח **הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּאַהֲבָה, וַהֲרֵינִי מְכַוֵּן לָצֵאת יְדֵי חוֹבָתִי** וכו'

  [4 גיין אנגעטון געהעריג, בכבוד הראוי.

- די אויבנדערמאנטע זענען **"דרגה א"**; בנוסף צו דעם קען מען אויך אריינגיין אין **"דרגה ב"**, וואס דאס מיינט אז מען ליינט קר"ש שוין אויך 'נאך די מקוה', וואס אזוי איז מען מקיים די מצוה מיט העך הכנה און הידור.
- **זיך צייכענען:** מען דארף זיך צייכענען יעדן טאג צו מען האט געליינט קר"ש כראוי.
- מען קען זיך צייכענען אויף אן אייגענעם צעטל, אדער אויף די "לוח הזמנים" פונעם גליון וואו ביי יעדן טאג איז דא א קעסטל זיך צו צייכענען.
- די אלע וואס צייכענען זיך במשך בין הזמנים וועלן געניסן פון די מתן שכרה בצידה נאך בין הזמנים (זע באזונדער די סדר פון די מתן שכרה בצידה).

## מצות און הילף פונעם פראגראם

- **טעגליכע דערמאנונג-קאל:** מיר שיקן ארויס יעדן טאג אינדערפרי א דערמאנונג-קאל אז מ'זאל נישט פארפאסן סוף זמן קר"ש. מ'קען זיך איינשרייבן אויפ'ן האטליין ביים דריקן נומער 1.
- די דערמאנונג-קאל וועט אנקומען צום טעלעפאן נומער מיט וואס איר רופט אריין.
- ווי פארשטענדליך איז כדי זיך נישט נאר צו פארלאזן 'בלויז' אויף דעם דערמאנונג, נאר זיך לייגן אין צייט און אנשטעלן א וועקער-זייגער.
- **טעגליכע קורצע שיעורים:** אויפן "האטליין סיסטעם" נומער 4 וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט טעגליכע קורצע אינספערירענדע שיעורים ארום דער מצות עשה דאורייתא פון קריאת שמע של שחרית כדבעי.
- די שיעורים וועלן געזאגט ווערן דורך גדולי המשפיעים שליט"א, וועלכע וועלן אויפפלאמען די הערצער איבער די געוואלדיגע חשיבות פון קריאת שמע של שחרית כתיקונה וכדבעי.
- צו הערן די טעגליכע "קורצע שיעורים" דרוקט 4 אויפן האטליין סיסטעם.
- אלע שיעורים וועט מען קענען איבערהערן דורכאויס די גאנצע ימי בין הזמנים.



בין הזמנים תשרי תשפ"ד

קריאת שמע כדבעי

א קריאת שמע ווי ס'דארף צו זיין, ברענג א טאג ווי עס דארף צו זיין!

שרייב דיך יעצט איין און ווער א בחור כדבעי!

# 718.970.8885

קריאת שמע כדבעי האטליין

**0 — אנווייזונגען און אינפארמאציע**
אלעס איבער דעם קריאת שמע כדבעי פראגראם

**1 — דערמאנונג-קאל**
דא קען מען זיך איינשרייבן צו באקומען די טעגליכע דערמאנונג רוף פאר סוף זמן קר"ש

**2 — צייכענען**
דא קען מען זיך צייכענען יעדן טאג כדי אריינצוגיין אין די טעגליכע גורלות

**4 — שיעורים**
טעגליכע שיעורים אויף מצוות קריאת שמע

**5 — גורלות**
דא וועט מען הערן די געווינערס פון די טעגליכע גורלות

**6 — מתן שכרה בצידה**
דער קנעפל וועט ווערן אקטיוו תיכף נאכ'ן פראגראם, **מאנטאג תזריע-מצורע**, ווי דו וועסט קענען איינשרייבן פאר די מתן שכרה בצידה

**9 — מערכת**
דא קען מען איבערלאזן הערות, הוספות, שאלות, מעשיות

NUAH 845.513.0001




**שמואל:** א גוטן יחזקאל, מיין טייערער חבר. ס'קומט יעצט בין הזמנים, און איינע פון די שווערע זאכן פאר מיר איז דאס אויפשטיין צו ליינען קריאת שמע בזמן. יעדן טאג פרוביר איך נאכאמאל, און אסאך מאל געלינגט עס מיר טאקע. אבער ליידער אסאך מאל נישט. ס'פאנגט זיך שוין אריינכאפן ביי מיר א יאוש געפיל, ווי די גאנצע זאך איז נישט פאר מיר. לאמיר הערן, אפשר קענסטו מיר געבן אביסל עצות? ווייל דער יצר הרע קומט יעדן טאג מיט אנדערע תחבולות און ס'איז מיר זייער שווער.

**יחזקאל:** מיין טייערער חבר, ס'איז מורא'דיג צו זען ווי דיין קאפ איז פארנומען וויאזוי דו קענסט מקיים זיין די מצוות פון באשעפער. דאס אליין איז זיכער א געוואלדיגער נחת רוח פאר'ן רבש"ע. איז אדרבה, לאמיר אינאיינעם אביסל שמועסן איבער דעם, און אזוי וועל איך אויך באקומען א התעוררות דערוועגן. יעדער קען דאך נוצן חיזוק אויף דעם; ס'שטייט דאך אין שולחן ערוך אז מ'דארף ליינען קריאת שמע יעדן טאג ווי א נייער בריוו פונעם קעניג!

**שמואל:** מיין ערשטע זאך וואס איך וויל בעסער דערהערן איז, וואס איז דאס גרויסע חשיבות פון קריאת שמע אז איך זאל זיך גרייט זיין אזוי אנצושטרענגען פאר דעם? סוף כל סוף בין איך אזוי צוגעוואוינט צו ליינען קריאת שמע פון אלס קליין קינד, און איך האב נישט ארויס ריכטיג דאס חשיבות דערפון.

**יחזקאל:** צום ערשט זאלסטו וויסן, שמואל, אז אפילו מ'פארשטייט נישט דאס חשיבות פון א מצוה דארף מען זיך נאך אלץ זייער אנשטרענגען דערויף, נישט קיין חילוק ווי שווער עס קומט אן, פשוט ווייל דאס איז די הלכה און אזוי האט אונז דער באשעפער באפוילן. נאר אז מ'ווייסט דאס חשיבות, איז אוודאי אסאך גרינגער זיך מתגבר צו זיין און מ'קען טון די מצוה מיט מער ליבשאפט און מער שלימות.

**שמואל:** אוודאי, זייער ריכטיג.

**יחזקאל:** באמת האבן מיר נישט קיין השגה אין דער גרויסער מעלה פון קיין שום מצוה, און ס'לוינט זיך אנצושטרענגען אפילו פאר דער קלענסטער מצוה. חז"ל זאגן, **הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, שאי אתה יודע מתן שכרן של מצוות** - "זאלסט זיין געווארנט אין א גרינגער מצוה פונקט ווי א הארבע, ווייל דו ווייסט נישט דעם שכר וואס מ'באקומט פאר'ן טון מצוות." אבער פונדעסטוועגן זעען מיר אין חז"ל אז די מצוה פון קריאת שמע איז מער פון אנדערע מצוות - ס'איז ממש פון די גרעסטע מצוות!

עד כדי כך, אז צופרי ביים דאווענען פון פארנט, ווען מ'וויל ארויסברענגען מיט וואס מיר זענען גליקליך אז מיר זענען אידישע קינדער, ברענגען מיר ארויס, **אשרינו כשאנו משכימים ומעריבים בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ומיחדים שמך בכל יום תמיד ואומרים פעמיים באהבה, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד** - דער שפיץ גליק פון א איד איז אז ער האט די זכיה צו זאגן צופרי און ביינאכט דעם פסוק שמע ישראל!

**שמואל:** טאקע מורא'דיג! איך זאג יעדן טאג דעם פארנט, איך האב אבער קיינמאל נישט געכאפט וואס איך זאג דארט... זאג מיר אבער, וואס איז טאקע די גרויסע זאך מיט דעם קריאת שמע?

**יחזקאל:** די סיבה איז זייער פשוט. ווייל דער יסוד פון אלע מצוות איז דאך אמונה, צו גלייבן אינעם איינציגן באשעפער, ווי דער פסוק זאגט (תהלים קיט, פו) **כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה** - דאס איז דער יסוד פון אלעם, און אן דעם איז גארנישט דא. ווייל אז מ'גלייבט אז דער רבש"ע האט באשאפן די גאנצע וועלט און ער פירט יעדן פרט אויף דער וועלט, און ס'איז נישטא קיין צווייטער וואס קען טון עפעס אן אים, דארף מען דאך אים פאלגן און טון אלע זיינע מצוות, און נאר אזוי וועט מען ערגעץ אנקומען צו א תכלית. אט דאס דארפן מיר זיך דערמאנען צוויי מאל א טאג ביים ליינען קריאת שמע!

די משנה זאגט אויף דעם (ברכות פ"ב מ"ב): **למה קדמה שמע לוהיה אם שמוע, אלא כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחילה ואחר כך יקבל עליו עול מצוות** - "פארוואס זאגט מען די פרשה פון שְׁמַע יִשְׂרָאֵל פאר דער פרשה פון וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ? ווייל קודם דארף מען מקבל זיין עול מלכות שמים, און נאכדעם קען מען מקבל זיין דעם עול המצוות." ביי דעם פסוק "שמע ישראל" זענען מיר מקבל אויף זיך אז מיר זענען קנעכט פאר'ן באשעפער, און אזוי קענען מיר נאכדעם נעמען אויף זיך אז מיר וועלן מקיים זיין בפרטיות אלע תרי"ג מצוות.

אוודאי זענען דא נאך פילע טעמים אויף דער מצוה פון קריאת שמע. אבער דאס איז די א-ב פון דער מצוה, דאס איז וואס מיר דארפן געדענקען פשוט יעדעס מאל וואס מיר ליינען קריאת שמע.

**שמואל:** זייער קלאר! אז מ'פארשטייט די

פשוט'ע זאך וואס מ'טוט ביי קריאת שמע, באקומט דאס א נייע צורה, ס'זאגט זיך אינגאנצן אנדערש.

**יחזקאל:** באמת קען מען שרייבן א גאנצן ספר אויף די מעלות און חשיבות פון קריאת שמע. אבער איך וויל דיר איבערזאגן צוויי זאכן וואס האבן מיך זייער געכאפט, און דאס וועט אונז אוודאי שטארק העלפן צו דערהערן און שפירן דאס חשיבות פון קריאת שמע.

די ערשטע זאך איז א משל וואס דער מדרש ברענגט (ילקוט שמעוני תהלה): ס'איז געווען אמאל א קלוגער מענטש, א תלמיד חכם, וואס האט געהאט א זון וואס פלעגט אים ברענגען יעדן טאג צוויי סעודות, איינס צופרי און איינס ביינאכט. נאך א שטיק צייט האט דער טאטע באמערקט אז זיין זון איז פאראַרעמט געווארן, און ער קען שוין נישט ברענגען די סעודות צוויי מאל א טאג, האט ער געזאגט פאר זיין זון: "איך ווייס אז דו קענסט שוין נישט געבן די צוויי סעודות וואס דו פלעגסט מיר ברענגען, אבער אנשטאט דעם זאלסטו קומען צוויי מאל א טאג אין בית המדרש וואו איך דרש'ן אין תורה, און דו זאלסט אויסהערן מיין תורה, און דאס וועט זיין באליבט ביי מיר פונקט ווי די צוויי סעודות!"

פירט דער מדרש אויס, אז אזוי זאגט אויך דער רבש"ע צו אידישע קינדער. "אמאל, אין דער צייט וואס ס'איז געווען א בית המקדש, פלעגט עטס מקריב זיין פאר מיר א קרבן תמיד צוויי מאל א טאג. אבער ס'איז געווען גלוי וידוע פאר מיר אז דער בית המקדש גייט חרוב ווערן און עטס וועטס מער נישט קענען מקריב זיין פאר מיר קרבנות. דעריבער האב איך ענק געגעבן די מצוה פון קריאת שמע, און איך בעט ענק צו זאגן 'שמע ישראל' צופרי און ביינאכט, און דאס חשוב ביי מיר מער ווי אלע קרבנות!"

**שמואל:** טאקע מורא'דיג! טראכט אריין, שטעל דיך פאר אז איך האב יעצט א געלעגנהייט צו גיין מקריב זיין קרבנות אין בית המקדש. ס'איז דאך די גרעסטע זכיה וואס א איד שפירט! אבער דא האב איך עפעס וואס איז אסאך חשוב'ער ביים רבש"ע, אז איך רייס מיך ארויס פון בעט און איך ליין קריאת שמע!

**יחזקאל:** יא, ס'איז נישט פשוט.

נאך א זאך וואס האט מיך זייער באנומען זענען די ווערטער פונעם זוהר הקדוש (זוהר רות, ל) וואס איך האב געזען אינעם ספר "קריאת שמע כתיקונה": **אמר ר' נחמיה אמר ר' נהוראי, אסוותא לבר נש בהאי עלמא בכל יומא מאן דקרי קריאת שמע על תיקוניה** - "א רפואה פאר מענטש אויף דער וועלט יעדן טאג איז ווען עמיצער ליינט קריאת שמע ווי ס'דארף זיין צו זיין."

דער זוהר הק' שרייבט ווייטער אז אין קריאת שמע זענען דא 248 ווערטער, אזוי ווי די רמ"ח אברים וואס זענען דא אין א מענטש, און ווען איינער ליינט קריאת שמע ווי ס'דארף צו זיין נעמט יעדער אבר איין ווארט און ווערט אויסגעהיילט מיט דעם.

דאס מיינט נישט נאר א רפואה בגשמיות - וואס איז אויך א געוואלדיגע ברכה - נאר דאס מיינט אויך רפואת הנפש, זיך צו קענען מתגבר זיין אויף אלע תאוות און מדות רעות. צו דעם אלעם קען מען זוכה זיין דורכ'ן ליינען קריאת שמע יעדן טאג!

**שמואל:** געוואלדיג! אזעלכע אוצרות! ממש נישט צום גלייבן. איך הייב מיר שוין אן צו שעמען וויאזוי מיין קריאת שמע האט נעבעך אויסגעקוקט ביז אהער...

**יחזקאל:** מ'טאר זיך נישט לאזן צעקלאפן. ס'איז אייביג צייט זיך צו נעמען פון פריש, פון היינט און ווייטער צו ליינען קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, יעדן טאג מיט אן ערנסקייט אין דער ריכטיגער צייט. און דער רבש"ע זאל העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין צו די אלע ברכות און השפעות וואס קריאת שמע ברענגט מיט זיך, און בעיקר צו קענען טאקע לעבן מיט דער אמונה און קבלת עול מלכות שמים וואס קריאת שמע ברענגט אויף אונז.

**שמואל:** הצלחה, און א גרויסן ישר כח!



# פעמים באהבה

התבוננות איבער די גרויסקייט און חשיבות פון קריאת שמע

## וואס ס'שפילט זיך אפ אויבן אין הימל ווען א איד לייינט קריאת שמע

אשר אנכי מצוך היום

דער **זוהר הקדוש** (זוהר חדש, מדרש רות ד) אנטפלעקט אונז א מורא'דיגע מחזה וואס דער תנא רבי פרחיא האט געזען אויבן אין הימל, און רבי פרחיה שווערט אז אזוי האט ער געזען. מיר וועלן ברענגען די ווערטער פונעם זוה"ק, כאטש מ'פארשטייט נישט יעדעס ווארט, אבער מ'קען זען וואס עס טוט זיך אלץ אפ אויבן אין הימל מיט א איד וואס לייינט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין, און בפרט אויב ער פלאגט זיך אויף קריאת שמע צו מכוון צו זיין ווי עס דארף צו זיין:

רבי פרחיה זאגט, איך שווער ווען איך האב אריינגעקוקט אין יענעם פענסטער, האט זיך דערנענטערט צו מיר דער ממונה וואס זיין נאמען איז "ענא-ל", דער ממונה אויפ'ן טויער פון דרום זייט, און ער האט מיר געזאגט: "שטיי דא און קוק אריין פון דעם פענסטער, ווייל ס'איז נישט דא קיין רשות אריינצוגיין דארט און נישט אריינצוקוקן דערין, אויסער די וואס פלאגן זיך אין קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין. און די אלע וואס פלאגן זיך אין קריאת שמע כראוי, גייען זעכציג ממונים פארנט פון אים און זיי קרוינען אים מיט הייליגע קרוינען און זיי זאגן אים, 'דאס איז די קרוין פון דעם מענטש וואס האט זיך געפלאגט אויף קריאת שמע כראוי!'"

...דער ממונה האט אנגעכאפט אין מיין רעכטער האנט און מיר געזאגט: "חסיד! קום און זע דעם כבוד פון די וואס זענען מייחד דעם באשעפער'ס הייליגן נאמען כראוי, און זיי פלאגן זיך אין קריאת שמע אויף דעם אופן."

איך בין אריין אין איין היכל, און אין יענעם היכל זענען געווען 365 היכלות, אזויפיל וויפיל טעג ס'איז דא אין א יאר. אברהם יצחק און יעקב געוועלטיגן דארט אין יענעם היכל, און אדם הראשון איז צווישן זיי. איך האב געזען מערערע גרופעס פון נשמות אנגעקליידט מיט טייערע קליידער געוועבט פונעם עץ החיים ...און זיי קומען אריין אין דעם היכל, און "יופיא-ל" דער גרויסער ממונה איבער אלע הייבט אן זאגן: "וועקט אייך אויף, קדושי עליון! דא זענען אייערע הייליגע קינדער וואס זענען מייחד דעם הייליגן נאמען, און זיי האבן אינזינען מיט א רצון די פרשיות פון קריאת שמע!"

איך האב געזען ווי אדם הראשון גיבט זיך אפ מיט די נשמות, און אין דער צייט וואס עס קומט אריין א קריאת שמע וואס א מענטש לייינט, גייט דאס צוערשט ארויף צו דעם היכל, און אדם הראשון שמעקט דאס, און אויב עס פעלט איין אות פונעם קריאת שמע איז ער עס נישט מקבל, ווייל עס פעלט פונעם בנין פונעם מענטש וואס איז 248 מיט די דריי ווערטער וואס דער שליח ציבור זאגט איבער (ה' אלקיכם אמת). אבער אויב זעט ער אז די קריאת שמע איז כראוי, איז ער דאס מקבל, און אברהם יצחק ויעקב נעמען דאס פון אים, און זיי קישן דאס. ווער האט דען געזען אזא שמחה! ווער האט דען געזען אזא טומל פון די אלע צדיקים אין גן עדן וואס קומען מיטהאלטן די שמחה! ווען א מענטש קומט ארויף צו יענער וועלט, ווער קען דען זען זיין שמחה! די אבות זעצן אים נעבן זיי צוויי מאל א טאג, און יעדן טאג גייט ארויף אויף אים "טל" פונעם ראש המלך, און מיט דעם טל וויסט מען און מען עסט פונעם עסן וואס די אויבערשטע מלאכים עסן, און מ'ווייסט וואס איז געווען און וואס ס'וועט זיין ביז דער צייט וואס הקב"ה וועט אויפשטעלן די טויטע גופים אויף דער וועלט צו א נייעם בנין!"



איך בין אריין אין איין היכל, און אין יענעם היכל זענען געווען 365 היכלות, אזויפיל וויפיל טעג ס'איז דא אין א יאר. אברהם יצחק און יעקב געוועלטיגן דארט אין יענעם היכל, און אדם הראשון איז צווישן זיי. איך האב געזען מערערע גרופעס פון נשמות אנגעקליידט מיט טייערע קליידער געוועבט פונעם עץ החיים

0648

# געהאט מיט וואס צו טאנצן

צו דער חשוב'ער מערכת פון "קריאת שמע כדבעי".

איך וויל מיר זייער באדאנקען מעומק הלב פאר ענקער ארבעט, איך ווייס נישט צו איר אליינס ווייסט וואס איר טוט, דער פראגראם און די גליונות האט ממש געמאכט ביי מיר א מהפיכה איבער די נושא פון קריאת שמע.

איך בין דוקא נישט קיין 'ספעשעל בחור'... ווי מ'רופט עס היינט. איך בין זייער פשוט און דורכשניטלעך, אבער איך האב שטארק דערהערט וואס דאס מיינט א קריאת שמע פאר יעדן איד. ס'איז פשוט א מצות עשה דאורייתא מיט וואס מ'איז מחויב יעדן טאג, און דער רבוש"ע ווארט אז איך פשוט'ער בחור זאל יעדן טאג זאגן און גלייבן אז ס'איז דא איין באשעפער אויף דער וועלט, ס'איז א געוואלדיגע זכי' און איך שפיר באמת א דערהויבנקייט דערמיט.

איך זאג אייך באמת אז דעם שמחת תורה (פאראנגענעם סוכות בין הזמנים) האב איך אנדערש געטאנצן הקפות מיט די תורה! ליידער מיט קיין גרויסע התמדה און לומדות האב איך נישט געהאט מיט וואס צו טאנצן... אבער איך האב געשפירט אז איך בין מקושר מיט די מצוות פונעם רבוש"ע. זייט'ס מצליח.

ב.ר. (-)

2053

# מקבל זיין מסירת נפש

איך בין א יונגערמאן און כאטש וואס דער פראגראם איז געמאכט פאר בחורים, האב איך אבער אויך געשעפט הויפענעס חיזוק פון די גליונות, און איך בין באמת דאנקבאר דערויף.

מיין תועלת פונעם גליון איז געווען זייער גרויס, איך האב מיך מחי' געווען מיט יעדעס ווארט. דאס מערסטע האט מיר געכאפט דאס וואס איר האט געברענגט אין די הערות אינטן ביי די הלכות פון שו"ת מחנה חיים (ח"ב סי' כט) דעם לשון: "מעולם לא עלה בלבי שיצא אדם חובת קריאת שמע אם לא יחשוב אז מסירת נפש ודביקות נשמתו, וכמה פעמים אשר דרשתי להמון עם ואמרתי בפומבי שאין קריאת שמע רק אם מכוון כל איש כפי מדרגתו שה' הוא לבדו ואליו הוא מוסר גופו ונפשו, וכן נתגדלתי על ברכי אבותי הצדיקים ז"ל", עכ"ל.

מ'זעט פון זיינע ווערטער ווי ווייט ס'איז א חיוב צו מקבל זיין מסירת נפש ווען מ'ליינט קריאת שמע. פון דעמאלטס אין ווייטער האב איך יעדן טאג אינזינען ביים ערשטן פסוק, ביים זאגן "אחד", אז איך בין מקבל אויף מיר מסירת נפש און אפי' ס'זאלן קומען גוים און אפטון אלע מיני יסורים ח"ו וועל איך נישט לייקענען אינעם רבוש"ע.

מיט די צייט האב איך אנגעהויבן טראכן ביי יעדע יסורים וואס מאכט זיך, צב"ש מ'צוקלאפט זיך וכדומה, אז ס'איז נאך א געלעגנהייט זיך מצייר צו זיין אז אפי' מ'וועט מיר מאכן אזא סארט יסורים אויף אסאך א שטארקערן פארנעם ח"ו, וועל איך בלייבן א איד! און מיט דעם איז מען דאך מקיים דעם 'ונקדשתי' ווי עס שטייט אין צעטל קטן פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע.

שמעון פ. ד

1954

# בעט אז מ'זאל מפרסם זיין עצות

איך בין א בחור וואס פלאגט זיך שטארק צו אויפשטיין צו קריאת שמע אין צייט, איך האלט אין איין פראבירן נאכאמאל און נאכמאל, אבער איך פאל ווייטער דורך. איך וויל אייך בעטן אז איר זאלט אריינשרייבן אינעם גליון צו בעטן אנדערע בחורים, אדער סיי ווער, זאלן אריינשיקן פראקטישע עצות וואס האט געארבעט ביי זיי. א גרויסן ישר כח.

**המערכת:** אדרבה, מיר נעמען אויף יעדע עצה טובה וואס קומט אריין און מיר וועלן עס אי"ה מפרסם זיין אינעם קומענדיגן גליון. רופט אריין דעם נומער פונעם פראגראם און דריקט 3-9#

# בריוו

בריוו און מעסעדזשעס פון בחורים

# לוח הזמנים
סוף זמן קריאת שמע

## בין הזמנים ניסן תשפ"ה

הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּאַהֲבָה, וַהֲרֵינִי מְכֻוָּן לָצֵאת יְדֵי חוֹבָתִי בִּקְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית דְּאוֹרַיְתָא, לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ

### פרשת צו / שבת הגדול

| | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | ערב שבת | שבת קודש |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | ח ניסן | ט ניסן | י ניסן | יא ניסן | יב ניסן | יג ניסן | יד ניסן |
| | | | | | בדיקת חמץ | שריפת חמץ | שבת הגדול ערב פסח |
| משיכיר | 5:41 | 5:39 | 5:38 | 5:36 | 5:35 | 5:33 | 5:31 |
| נץ החמה | 6:31 | 6:29 | 6:28 | 6:26 | 6:24 | 6:23 | 6:21 |
| סוף זמן קר"ש | 9:08 | 9:07 | 9:06 | 9:05 | 9:04 | 9:03 | 9:03 |
| | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ |

### יו"ט פסח / חוה"מ / שביעי של פסח

| | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | ערב שבת | שבת קודש |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | טו ניסן | טז ניסן | יז ניסן | יח ניסן | יט ניסן | כ ניסן | כא ניסן |
| | א' דפסח | ב' דפסח | א' דחוה"מ | ב' דחוה"מ | ג' דחוה"מ | ד' דחוה"מ | שביעי של פסח |
| עלות | 5:08 | 5:06 | | | | | |
| משיכיר | 5:30 | 5:28 | 5:27 | 5:25 | 5:24 | 5:22 | 5:21 |
| נץ החמה | | | 6:17 | 6:15 | 6:14 | 6:12 | 6:11 |
| סוף זמן קר"ש | 9:02 | 9:01 | 9:00 | 8:59 | 8:58 | 8:57 | 8:56 |
| | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ |

מען דארף א באזונדערע זהירות

### אחרון של פסח / שמיני

| | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | ערב שבת | שבת קודש |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | כב ניסן | כג ניסן | כד ניסן | כה ניסן | כו ניסן | כז ניסן | כח ניסן |
| | אחרון של פסח | אסרו חג | | | | | שבת מברכים |
| משיכיר | 5:19 | 5:18 | 5:16 | 5:15 | 5:13 | 5:12 | 5:11 |
| נץ החמה | 6:09 | 6:08 | 6:06 | 6:05 | 6:03 | 6:02 | 6:00 |
| סוף זמן קר"ש | 8:56 | 8:55 | 8:54 | 8:53 | 8:52 | 8:52 | 8:51 |
| | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ |

### פרשת תזריע מצורע

| | זונטאג |
|---|---|
| | כט ניסן |
| | ערב ר"ח |
| משיכיר | 5:09 |
| נץ החמה | 5:59 |
| סוף זמן קר"ש | 8:50 |
| | דרגה א ☐ דרגה ב ☐ |

**וויכטיגע באמערקונג!**

**עס איז אייביג ראטזאם אז מ'זאל רעכענען דער סוף זמן קר"ש אפאר מינוט פריער, ווייל עס קען זיך מאכן טעותים אז די זייגער זאל נישט זיין אזוי פונקטליך.**

החכם עיניו בראשו: במשך דעם גאנצן בין הזמנים/ימים טובים איז דער סוף זמן קריאת שמע צווישן 8:50 ביז 9:08, מאך זיכער צו ליינען יעדן טאג

**נישט שפעטער ווי 8:40**

און אזוי וועסטו חלילה קיינמאל נישט פארפאסן סוף זמן קריאת שמע.

די זמנים זענען לויט דער אופק פון די שטעט

**ברוקלין - מאנסי - קרית יואל**

*דער זמן פון משיכיר האבן מיר געשריבן 22 מינוט נאכ'ן עלות.

## לוח הרשמה

אין דעם לוח קען מען זיך צייכענען טעגליך צו מ'האט געליינט קר"ש כדבעי.

דרגה א: ☐ דרגה ב: ☐

## סדר פון זיך צייכענען

מ'קען זיך צייכענען אדער דרגה א' אדער דרגה ב', ווי פאלגענד:

### דרגה א:
קריאת שמע כדבעי

- מ'ליינט קר"ש איידערן סוף זמן קר"ש, כמובן מאליו.
- מען האט אינזינען די פירוש המילות פון כאטש די ערשטע פסוק און ברוך שם, ווי די הלכה פארלאנגט.
- זאגן די נוסח הֲרֵינִי מְקַבֵּל עָלַי עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּאַהֲבָה, וְהֲרֵינִי מְכֻוָּן לָצֵאת יְדֵי חוֹבָתִי וכו'
- גיין אנגעטון געהעריג, בכבוד הראוי.

### דרגה ב:
אחר המקוה

- גיין אין מקוה איידער מ'ליינט קריאת שמע, כדי צו ליינען קר"ש אויף א העכער דרגה

צו מיטהאלטן דעם גאנצן "קריאת שמע כדבעי פראגראם", טעגליכע גורלות, ווערטפולע מתנות, הערליכע שיעורים, אזוי אויך זיך איינצושרייבן צו באקומען דעם טעגליכן דערמאנונג-רוף

רוף דעם קריאת שמע כדבעי' האטליין

718.970.8885

בין הזמנים

קריאת שמע כדבעי

א קריאת שמע ווי ס'דארף צו זיין, ברענג א טאג ווי עס דארף צו זיין!

NUAH 845.513.0001